# א גריס פון
# בית פיגא

**פרשת ויגש**

**י״א טבת תשפ״א**

**יאר ו גליון 6**

## די פרשה לערנט מיר

ווען יוסף האט געזאגט פאר זיינע ברודער ״איך בין יוסף״ האבן זיי אלע אנגעהויבן פילן שלעכט און שולדיג, האט יוסף זיי גלייך געזאגט, ״פארוואס פילן ענק שלעכט? ווייסן ענק דען נישט אז דער אייבערשטער פירט די וועלט און ער מאכט וואס זאל געשען? ענק דארפן בכלל נישט פילן שלעכט!״

**מען זעט אז א מענטש וואס לעבט מיט אמונה, באשולדיגט נישט קיינעם, און ווייסט אז יעדע זאך וואס געשעט פירט די אייבערשטער, קומט אויס אז מ׳איז אלס פרייליך און צופרידן.**

ווען יוסף האט געזאגט ער וועט נעמען בנימין פאר א קנעכט, איז יהודה געווארן זייער ברוגז און געזאגט ער וועט אויס׳הרג׳ענען גאנץ מצרים, ווען ער האט געזען ס׳ארבעט נישט, האט ער אנגעהויבן רעדן מיט ווייכע רייד, און אזוי געקענט פועל׳ן.

**די רבי זאגט, ״מיט גוטן קען מען אסאך בעסער פועל׳ן ווי מיט שלעכטן, און אויב דו האסט גע׳פועל׳ט מיט שלעכטן זאלסטו וויסן אז מיט גוטן וואסטו געקענט אסאך שענער פועל׳ן״**

## אבריוו פון מרת לעזער

יום ד׳ ויגש תשפ״א

לכבוד מיין טייערע תלמידה .... תחי׳

איך פריי מיך דיך צו זען יעדן טאג אין סקול מיט דיין שמייכל, יעדער וואס קוקט דיך אן, און זעט דיין פרייליכע פנים, ווערט זי אויך פרייליך, דאס איז די שענסטע מדה וואס דו קענסט ארבעטן אויף, צו זיין פרייליך. ווייל ווען א מיידל איז אין א גוטע מאד וועט זי רעדן שיין צו יעדע מיידל, זי וועט זיך נישט קריגן מיט קיינעם. פארוואס טשעפעט איין מיידל א צווייטן? ווייל זי איז צוקלאפט און נישט צופרידן, וועגן דעם קלאפט זי אראפ א צווייטע מיידל. זי מיינט אז אזוי וועט זי ווערן גרויס, אבער דו ביסט א פרייליכע מיידל און דו פארגינסט פאר אנדערע אויך צו זיין פרייליך... דו געבסט אזעלכע שיינע קאמפלימענטס, א מיידל האט מיך דערציילט אז דו האסט איר געזאגט א גוט ווארט ״דו זעסט אויס אזוי גוט,״ און זי האט באקומען כח ווייטער אנצוגיין, ווייל זי איז זייער צובראכן זי האט נישט קיין שטוב קיינער רעכנט זיך נישט מיט איר, און דא האט זי געהערט פון א ׳גרויסע מיידל׳ אזא קאמפלימענט עס האט איר ממש אויפגעלעבט! דאס זאלסטו געדענקען אז די מערסטע האסטו געהאט ריוח פון געבן די גוט ווארט, ווייל נישט דא קיין בעסערע געפיל ווי ווען מען קען מאכן א צווייטע פילן גוט. אויסער דעם, באקומסטו א גוטע נאמען, יעדער האט דיך ליב יעדער וויל זיין די חבר׳טע פון א פרייליכע מיידל. הלוואי זאלן אלע מיידלעך טראכטן יעדן טאג ׳וויאזוי קען איך מאכן א צווייטע מיידל פילן גוט?׳

א פרייליכן שבת!

מיט ליבשאפט, שרה לעזער

## פארוואס בית פיגא?

הערט א שיעור פון מרת לעזער

212-444-9169 2, 4, 2, 91

**א גוט שבת!**



זמן שבת: 4:19

זמן מוצש״ק: 5:43

## אבריוו פון די ראש ישיבה

בעזרת השם יתברך,
דאנערשטאג ויגש ט׳ טבת תשפ״א

לכבוד בית פיגא תלמידות, ״בית פיגא״ וויליאמסבורג, ״בית פיגא״ ליבערטי.

איך בין יעצט אין אומאן ביים הייליגן רבינ׳ס ציון, איך בין מתפלל פאר אייך אלע, איר זאלט אלע מצליח זיין.

איך בין זייער פרייליך צו הערן די גוטע נייעס אז אלע מיידלעך קויפן קליידער ביי אונזער נייע באזאר, מען שטאלצירט צו גיין אנגעטון קליידער וואס זענען נישט טייער, מען האט רחמנות אויף אידיש געלט, מען האט רחמנות אויף טאטע מאמע.

שטארקט אייך, געבט אכטונג אויף אידיש געלט, קויפט ביי אונז אין באזאר שיינע קליידער, פאר ממש בחינם, העלפט ארויס די עלטערן זאלן בלייבן געזונט, זיי זאלן נישט דארפן בארגן געלט השם ישמרינו קוקט נישט אויף די וואס גייען אנגעטון טייער, זייט זיי נישט מקנא.

די וואך איז געווען א הערליכע חתונה אין ישיבה, איר זענט אלע געווען, איר האט אלע געזען ווי שיין לעבעדיג די חתונה איז געווען, איך האף איר אלע וועט חתונה האבן אין ישיבה פאר בחינם, איר וועט האבן שכל נישט אויסגעבן געלט פאר די פאר שעה אז ״אנדערע״ זאלן מיינען מיר האבן געלט.

יואל ראטה

## נייעס פון בית פיגא

~ די וואך מאנטאג איז פארגעקומען די פרייליכע חתונה פון רחי כ״ץ - **וועבערמאן אין ישיבה עס איז געווען גאר א פרייליכע חתונה מען האט שיין געטאנצן און משמח געווען די כלה אויף א הערליכע פארנעם.**

~ חנוכה איז אין שטעטל פארגעקומען א הערליכע חנוכה מסיבה וואס לאה׳לע, עטי, און ברכה האבן אהערגעשטעלט. עס איז געווען א שיינע **פארשטעלונג, און מען האט זיך צוזאמען געפריידט לכבוד חנוכה!**

## ספר המדות ווינקל

**אות אמת**

טו. מִי שֶׁנּוֹתֵן צְדָקָה שְׂכָרוֹ שֶׁיִּזְכֶּה לֶאֱמֶת.
ווער עס געבט צדקה איז זוכה צו אמת.

לט. מִי שֶׁשּׁוֹמֵר אֶת עַצְמוֹ מִשֶּׁקֶר הוּא מְנַצֵּחַ תָּמִיד.
ווער עס היט זיך פון ליגנט דער וועט אייביג אויספירן.

# מעשיות פון תפילה

## ערשטע קלאס - לאה'לע יאקאבאוויטש



איך האב מיך זייער שטארק צוקלאפט מיין קאפ פון מיין דעסק, און איך האב גלייך אנגעהויבן צו בעטן די אייבערשטער אז עס זאל נישט ווי טון און נישט ווערן א באל ש'כח אייבערשטער אז עס האט זיך גלייך אויסגעהיילט!

## צווייטע קלאס - דבורי לעווי



איין טאג בין איך אויפגעשטאנען זייער שפעט, און איך האב געזען אז איך האב נאכנישט געטון מיין היימארבעט, איך האב עס געטון זייער שנעל און זייער שטארק געבעטן די אייבערשטער אז איך זאל נאך מאכן די באס, און ש'כח אייבערשטער איך האב נישט פארפאסט די באס!

## עלטסטע קלאס - ריקי פארקאש



שבת האב איך זייער שטארק געבעטן אז איך זאל אויפשטיין גענוג פרי צו קענען גיין אין שול הערן סיפורי מעשיות פון די ראש ישיבה, און ש'כח אייבערשטער אז איך האב אויפגעשטאנען גענוג פרי אז איך בין אפילו אנגעקומען נאך פאר די ראש ישיבה האט אנגעהויבן, ש'כח אייבערשטער !

## פערדע קלאס - חי שרי יאקאבאוויטש



מיין טאטע האט מיך געבעטן צו אויפשארן די שניי, איך בין אראפגעגאנגען און אנגעפאנגען צו שארן ביז איך בין שוין געווארן זייער קאלט, בין איך צוריק ארויפגעקומען און איך האב זייער שטארק געבעטן די אייבערשטער אז איינער זאל עס ענדיגן אויפשארן. שפעטער האב איך ארויסגעקוקט פון די פענסטער און געזען אז א גוי שארט אויף די שניי, מיין טאטע האט אים געפרעגט פארוואס ער טוט עס האט ער געזאגט אז ער האט נישט וואס צו טון, ש'כח אייבערשטער!

## שטעטל סקול - רחל לאה וויינבערג



איך בין געליגן אין בעט ביינאכט און איך האב נישט געקענט איינשלאפן, אפילו ס'איז שוין געווען זייער שפעט. איך האב געטראכט אז איך וועל בעטן די אייבערשטער ווייל נאר די אייבערשטער קען מיך העלפן, איך האב טאקע געבעטן די אייבערשטער און ש'כח אייבערשטער אז איך בין איינגעשלאפן!

# מעשה פון א צדיק

אין קורצן פון פריער: די פרייליכע איד האט זיך אן עצה געגעבן און אנגעהויבן האקן האלץ, נאכדעם וואס דער קעניג האט מער נישט געלאזט פארעכטן כלים.

דער איד שטייט אויף די נעקסטע צופרי און זעט דער קעניג האט ארויסגעגעבן א נייע גזירה, מען טאר מער נישט האקן קיין האלץ, ווער עס דארף האלץ קען זיך אליינס האקן. אבער ער האט זיך נישט פארלוירן, נאר ער האט געזאגט גם זו לטובה! ער איז ארויס אויף די גאס, און זעט ווי איינער קערט אויס זיין שטאל, פרעגט ער אים "אפשר קען איך אויסקערן די שטאל און דו וועסט מיך באצאלן פאר דעם?" און אזוי איז טאקע געווען, דער איד האט אויסגעקערט די שטאל און אזוי האט ער געהאט געלט צו איינקויפן אביסל עסן און טרינקען, און דערנאך האט ער ארויסגענומען זיין פידל און אנגעהויבן צו שפילן. און דער גאסט קלאפט אריין און פרעגט, "וואס האסטו היינט געטון? וויאזוי האסטו היינט געלט?" פארציילט ער אים "היינט האב איך אויסגעקערט שטאלן, און איך האב באקומען באצאלט גענוג געלט צו קויפן וואס איך דארף פאר היינט."

די נעקסטע צופרי קומט א פרישע גזירה, מען קען נישט מער קערן יענעמס שטאל. און די איד האט זיך נאך אלץ נישט פארלוירן, ער האט געגלייבט אז וואס דער באשעפער טוט איז גוט. ער גייט אינדרויסן און ער זעט סאלדאטן, פרעגט ער זיי, "וואו קען מען זיך פארדינגען צו זיין א סאלדאט?" האבן זיי אים געוויזן. ער קומט אן צום גענעראל און פרעגט אים, "אפשר קען איך ארבעטן ביים קעניג און ווערן א סאלדאט? איך וויל נאר בעטן איין זאך, אויב איך קען יעדן טאג ווערן באצאלט פאר יענע טאג. איך קען נישטווארטן ביז סוף וואך אדער סוף חודש צו ווערן באצאלט, איך וויל מען זאל מיך יעדן טאג באצאלן פאר יענע טאג 6$." דער גענעראל האט געזען ער איז אן ארנטליכע מענטש, האט ער מסכים געווען. ער האט באקומען מונדירן און א שווערד, און ער איז געווארן א סאלדאט. ביים סוף פון יענע טאג האט ער באקומען זיין 6$, און ער איז געגאנגען איינקויפן זיין סעודה. ער קומט אהיים פרייליכערהייט, ער זעצט זיך אראפ עסן, און דער פארשטעלטער קעניג קומט נאכאמאל. און ער פרעגט אים, "וויאזוי האסטו היינט געלט? דער קעניג לאזט דאך מער נישט אויסקערן קיין שטאלן." האט ער אים פארציילט, "איך בין געווארן א סאלדאט, און איך האב מיך אויסגענומען מיטן גענעראל אז ער וועט מיך באצאלן יעדן טאג פאר יענע טאג." די נעקסטע טאג, נאך א גאנצע טאג פון שווערע ארבעט, קומט דער איד בעטן זיין געלט פון די גענעראל, און ער הערט א פרישע גזירה. די קעניג לאזט מער נישט באצאלן יעדן טאג, מען קען נאר באקומען באצאלט ביים סוף פונעם חודש.

***פארזעצונג קומט אי"ה***